# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וירא תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 457

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר ג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### נישט דערמאנען דעם נאמען פון קראנקן

**"וַיֵּרָא אֵלָיו ה' בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל כְּחֹם הַיּוֹם" (יח א)**

פארוואס שרייבט די תורה "וַיֵּרָא אֵלָיו ה'", אן דערמאנען די נאמען פון אברהם?

ערקלערט רבי שמריה זלמן מלייפניק:

רש"י שרייבט (ע"פ סוטה יד א) אז ה' האט זיך אנטפלעקט צו אברהם אין דעם דריטן טאג פון זיין ברית מילה, די צייט וואס די ווייטאג שטארקט זיך, כדי אים באזוכן ווען ער איז קראנק. לויט דעם קען מען ערקלערן אז דער נאמען פון אברהם שטייט נישט קלאר ארויסגעשריבן, ווייל דער וואס באזוכט א קראנקן זאל אים נישט רופן מיט זיין נאמען (ראה ברכות לד א, ובגליוני הש"ס שם) טאמער איז נגזר געווארן אויפן קראנקן ער זאל שטארבן, און די שינוי השם וועט אים ראטעווען, אזוי ווי די חכמים זאגן (ר"ה טז ב) אז איינס פון די זאכן וואס צורייסן די גזר דין פון א מענטש איז "שינוי השם".

'נחלת יעקב' - 'אבני שוהם' [אמשטערדאם תפ"ד] אות י'

### זיין ראוי צו זען די גאולה

**"וַיְהִי כְהוֹצִיאָם אֹתָם הַחוּצָה וַיֹּאמֶר הִמָּלֵט עַל נַפְשֶׁךָ אַל תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ וְאַל תַּעֲמֹד בְּכָל הַכִּכָּר הָהָרָה הִמָּלֵט פֶּן תִּסָּפֶה" (יט יז)**

רש"י ערקלערט אז לוט איז אנגעווארנט געווארן נישט קוקן אויף צוריק ווען ער איז געראטעוועט געווארן פון סדום, ווייל עס איז נישט פאסיג ער זאל זען אנדערע ווערן געשטראפט, אין די צייט וואס ער ווערט געראטעוועט נאר אין זכות פון אברהם אבינו.

לויט דעם טייטש **רבי ר' יהונתן אייבשיץ** אונזער בקשה ביי די ענדע פון די ברכה 'רצה' - "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים"; מיר בעטן מיר זאלן נישט זוכה זיין צו די גאולה צוליב זכות אבות, נאר מיר זאלן זיין ראוי צו דעם אין אונזער זכות - צוליב אונזער אמונה און האפענונג אויף די ישועה טראץ די ליידן אין גלות, ווייל נאר אזוי וועלן מיר מעגן זען די ישועה מיט אונזערע אויגן.

'יערות דבש' ח"א דרוש א

### 'ושים חלקנו' מיט די אמת'דיגע צדיקים

**"וַתֹּאמֶר שָׂרָה צְחֹק עָשָׂה לִי אֱלֹקִים כָּל הַשֹּׁמֵעַ יִצְחַק לִי" (כא ו)**

רש"י ברענגט א מדרש (ב"ר נג ח) אז ווען שרה האט געבוירן יצחק'ן האבן אלע זיך געפריידט, ווייל "הרבה עקרות נפקדו עמה, הרבה חולים נתרפאו בו ביום, הרבה תפלות נענו עמה".

די מציאות פאטש אין אונזער פנים, נישט אלע זענען זוכה געהאלפן ווען דער צדיק ווערט געהאלפן, וואס זענען די תנאים וואס דורך זיי קענען מען צו דעם זוכה זיין?

זאגט **רבי שלמה קלוגער:**

דריי מדרגות זענען פארהאן אין די מידה פון בטחון: די העכסטע איז דער צדיק וואס פארלאזט זיך אויפן באשעפער באמת, און פארלאזט זיך נישט בכלל אויף די השתדלות בדרך הטבע. די ווייניגסטע פון זיי איז די מדרגה פון דער רשע וואס פארלאזט זיך נישט בכלל אויפן באשעפער און זיין גאנצע האפענונג לייגט ער אריין אין די נאטורליכע השתדלות. אינצווישן געפונען זיך די מיטעלע בעלי מדרגה, די וואס טון יעדע נאטורליכע השתדלות צו דערגרייכן זייער וואונטש, און נאר דערנאך וואס זייער השתדלות האט נישט אויפגעטון, פארלאזן זיי זיך אויפן באשעפער. קומט אויס אז אין די צייט וואס די בטחון פונעם צדיק איז א ריכטיגע בטחון, איז די בטחון פון די אנדערע נישט קיין אמת'דיגע בטחון, ווייל ווען זיי וועלן טרעפן א געוויסע השתדלות וואס זיי האבן נאכנישט געטון, וועלן זיי זיך נישט אפהאלטן פון צו טון...

ווען עס עפענען זיך די שערי שמים צו העלפן דעם צדיק דער אמת'דיגן בעל בטחון, ווערן מיט אים געהאלפן די 'בינונים', כאטש זייער בטחון איז נישט בשלימות און אמת'דיג, אבער די רשעים וואס פארלאזן זיך אינגאנצן נישט אויפן באשעפער, ווערן נישט געהאלפן מיט די ישועה פון צדיק.

אויף דעם בעטן מיר ביי די ברכה 'על הצדיקים': "ותן שכר טוב לכל הבוטחים בשמך באמת - ושים חלקנו עמהם ולא נבוש כי בך בטחנו; ווען דו העלפסט די צדיקים "הבוטחים בשמך באמת", בעטן מיר "שים חלקנו עמהם", ווייל על כל פנים "בך בטחנו".

'יריעות שלמה' ברכת על הצדיקים

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### עקידת יצחק און ענטפערן אמן

אין די פרשת העקידה וואס מיר ליינען אין דער וואך, איז איינגעפלאנצט דער יסוד האמונה פון דאס אידישע פאלק - וואס דעריבער זענען מיר באפוילן געווארן עס זאגן יעדן טאג כדי איינווארצלען אין אונז די אמונה.

אין אלע צייטן האבן אסאך זיך געוואונדערט אויף די פעסטע אמונה פון די אידישע פאלק. עס איז נישטא א פאלק אויף דער וועלט וואס איז אריבער אזעלעכע שווערע קריזיסן; שוין טויזנטער יארן, אין אלע דורות ווילן אונז אסאך פארלענדן און פארניכטן ח"ו, ביזן היינטיגן טאג. דורכאויס די אלע דורות איז די אמונה געשטאנען אקעגן אן א צאל פארשידענע אויספריוון, און דאך געבליבן פעסט און שטארק.

טראץ די אלע רדיפות און שרעקליכע צרות, האט כלל ישראל זיך נישט אוועקגערוקט פון זײער שטארקע און רײנע אמונה, אפילו א האר נישט. אדרבה, ווען די פיינט פרובירן צווינגען דעם איד צו לייקענען אין זיין אמונה אין דעם לעבעדיגן גאט, פונקט דעמאלט וועקט זיך אויף די אינעווייניגסטע נקודה אפילו ביי די גאר ווייטסטע, ביז זיי דערגרייכן א אמת'ע מסירות נפש צו מקדש זיין שם שמים.

ווי עס איז מבואר אין די ספרים הקדושים, די דאזיגע מידה איז איינגעווארצלט געווארן אין אונז ביי דער נסיון העקידה. זינט דעמאלט, מיר אלע, קינדער פון די אבות אברהם און יצחק זענען גרייט אויף א "נאטירליכן" אופן זיך מוסר נפש זיין אויף קידוש השם.

עס דאכט זיך מיר אז די מסירות נפש סימבאליזירט דאס ענטפערן אמן, וואס איז מעורר און ווארצלט איין שטענדיג אין אונז די גענצליכע אמונה אין בורא עולם. אויך איז באקאנט אז 'אמן' איז ראשי תיבות 'אני מוסר נפשי'.

לויט דעם איז נישט א וואונדער אז ביי די עקידה טרעפן מיר פארשידענע פרטים וואס זענען ענליך צו ענטפערן אמן; די עקידה איז געטון געווארן דורך צוויי: אברהם איז באפוילן געווארן אויף די מעשה העקידה, און יצחק האט ווי 'געענטפערט אמן' אויף זיינע רייד און איז אים נאכגעגאנגען מיט א ריינע אמונה צו מקיים זיין דעם רצון ה'. ווי א ברכה און אמן וואס ווערן געזאגט דורך צוויי, אזוי איז געגאנגען דער פאטער מיטן זון - "וַיֵּלְכוּ שְׁנֵיהֶם יַחְדָּו" (בראשית כב, ו). עס קען זיין אז צוליב דעם שטעלט מען צוזאם די פרשת העקידה מיט די ברכות השחר וואס ווערן געזאגט דורך צוויי, אזוי ווי עס איז דער מנהג ישראל מקדמת דנא, ווייל זאגן די ברכות בצוותא ברענגט ארויס די פעסטע אמונה וואס מיר האבן באקומען פון אונזערע אבות דורך די עקידה.

און אויב איך מעג צולייגן, אויך צו זאגן ברכות השחר מיט א חברותא פעלט זיך אויס אין א געוויסע מאס מסירות נפש. אזוי ווי אברהם און יצחק, אויך אונז דארפן אופשטיין פרי צו ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר, און אויך זיך נישט דערשרעקן צוליב בושה אדער אומבאקוועמקייט. איינער וואס בקביעות שטייט ער אויף צו ענטפערן 'אמן', און שטארקט זיך אויך אויף די אומבאקוועמליכקייט און גייט צו בעטן מען זאל ענטפערן נאך אים, אדער ער טראגט אן פאר אנדערע זאלן אים זאגן די ברכות, האט ער מיט דעם געוויזן א בחינה פון "אני מוסר נפשי" צוליב די אמונה - צוליב די אמן!

און צום ענדע לאמיר נישט פארגעסן די ספעציעלן געוויכט און באזונדערע ברכה וואס חז"ל האבן געגעבן אויף ענטפערן אמן 'בכל כוחו', ד.מ. מיט 'מסירות נפש'. דאס איז נישט קיין וואונדער, ווייל ווי געזאגט אמן איז די סימבאל אויף מסירות נפש צו אמונה, און וועגן דעם דארף מען עס ענטפערן מיטן גאנצן כח און שטארקייט. נישט קוקן רעכט'ס און לינק'ס, נאר אינזין האבן אמונה, און זיך מוסר נפש זיין!

**מיט א רוף "אני מוסר נפשי"**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# פון תפילה בציבור דערלייגט מען נישט!

אפילו נאך אסאך צענדליגער יארן זינט זיין פטירה, איז די וואונדערליכע געשטאלט פון רבי יעקב יוסף הערמאן, פון די גרינדער פון אידישקייט אין אמעריקע, נאך געבליבן פאר אסאך ווי א סימבאל. זיין אומפארשטענדליכע איבערגעגעבנקייט און זיין ווילן אלץ צו מוותר זיין כדי צו קענען טון יעדע דבר שבקדושה, איז געשטאנען נישט וויייניג מאל פאר א פראבע, אבער מיט גרויס הצלחה.

אין די ספר פון זיינע תולדות - ארויסגעגעבן דורך זיין טאכטער - 'הכל לאדון הכל', ווערן געברענגט אסאך ערציילונגען אויף אים, וואס אין אלעס וועבט זיך א פאדים פון ריכטיגע מסירות נפש צו קענען מקיים זיין יעדע תג ותג פון די תורה און מצוות. א באזונדערע קאפיטל אין דער ספר (מעמוד 145 ואילך) איז געווידמעט אויף זיין געהויבענע עבודת התפילה, און זיין מסירות נפש אויף אירע הלכות.

רבי יעקב יוסף האט זייער מקפיד געווען מיט'ן גאנצן הארץ צו דאווענען מיט מנין, און דאס איז נישט געווען קיין קלייניקייט, ווייל א היפשע טייל פון זיין לעבן האט ער געהאנדלט מיט 'פעל', און צוליב זיין ביזנעס האט ער געמוזט ארומפארן גרויסע שטרעקע'ס מיט באהנען און שיפן, וואס דאס האט געמיינט צו דאווענען אסאך תפילות ביחידות. פון דעסוועגן, די צאל פעלער וואס ער האט געמוזט דאווענען ביחידות האט מען געקענט רעכענען אויף די פינגער פון איין האנט.



א פאסאזשירן עראפלאן אין די ערשטע יארן

איינמאל, ווען ער איז צוריק געקומען פון א ווייטע רייזע קיין אייראפע, איז ער אריין אין שטוב גליקליך און צופרידן. "אין דבר העומד בפני הרצון" - האט ער זיך אנגערופן מיט גליק פאר זיין פאמיליע, און כדי קיינער זאל נישט טראכטן אז זיין שמחה קומט פון זיין הצלחה אין די ביזנעס, האט ער געזאגט: אין מיין לאנגע רייזע, האב איך נאר צוויי מאל דערלייגט צו דאווענען מיט מנין!'.

ער האט אריינגעלייגט זייער אסאך פלאג און מח אויסצורעכענען די וועג פון זיין רייזע, כדי ער זאל זיך נישט טרעפן אין א פלאץ וואו ס'איז נישטא דארט א מנין, א גאנצע צייט איז ער געווען פארטראכט אז עס זאל אים נישט אנטרעפן די גרויסע אומגליק פון וואס ער האט אזוי שטארק געציטערט, אז ער וועט זיין געצווינגען דאווענען ביחידות אן א מנין.

אין זיין רייזע קיין אייראפע האט ר' יעקב יוסף פאראורזאכט א אמת'ע רעוואלוציע אויף דער שיף מיט וואס ער איז געפארן. ער האט געזארגט עס זאל 'מנין' דריי מאל א טאג, ביז יעדער האט אים גערופן 'מיסטער מנין'. אינדערפרי פלעגט ער דורכגיין די אפטיילונגען וואו די אידישע פאסאזשירן זענען געווען, געקלאפט אין זייערע טירן און פארזיכערט אז זיי וועלן זיך צוזאמנעמען צו דאווענען תפילת שחרית מיט א מנין.

אבער, בשעת זיין צוריקקערן קיין אמעריקע, זייענדיג אויף די אייראפעישער באדן, האט זיך פלוצלינג געמאכט א ערנסטע פראבלעם. ר' יעקב יוסף האט זיך דעמאלטס אויפגעהאלטן אין די באקאנטע ביזנעס שטאט 'לייפציג' וואס איז אין דייטשלאנד, און האט געוואלט ארויפגיין אויף א געוויסע באהן, און דורך איר אנקומען קיין לאנדאן. אבער ער האט גלייך אויסגערעכנט אז אויב וועט ער פארן מיט די באהן, וועט ער שאדן דאס דאווענען מעריב מיט א מנין.

טראץ די נסיעה קיין לאנדאן איז געווען זייער וויכטיג פאר אים, איז די מעגליכקייט זיכער נישט געקומען אין באטראכט! ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף די אפציעס וואס זענען דא, און ווען איינער פון זיינע באקאנטע האט אים דערציילט, אפשר מיט א ערנסטקייט און אפשר אויף א ווערטל, אז עס איז פארהאן נאך א אפציע צו פארן, האט ער דאס אויסדערוועלט אן קיין קווענקלען.

די אנדערע מעגליכקייט איז געווען פארן מיט א עראפלאן. דאס איז געווען אין יאר תרצ"א. וואס איז מער טייער און מער א סכנה - וואס דאס איז צו פליעהן מיט א עראפלאן. אין יענע יארן איז דאס פליעהן מיט א עראפלאן געווען - נישט נאר זייער טייער - נאר אויך א גרויסע סכנה, אסאך מער ווי אין היינטיגע צייטן. נאר ווייניג מענטשן האבן זיך ערלויבט אוועק צו קוקן אויף די סכנה און גרייט זיין צו פליהען, און רבי יעקב יוסף איז נישט געווען אריינגערעכנט צווישן די מענטשן. אבער, יעצט האט זיך געמאכט פאר אים אזא פארלעגנהייט: קען מען דען שאדן האבן דאס דאווענען מיט א ציבור???

ער איז ארויף אויפן עראפלאן, און אין א שפעטע נאכט שטונדע געלאנדעט אין לאנדאן. פון די לופט-פעלד האט ער זיך געאיילט צו די הויז פון זיין פריינד, דער יונגער גאון רבי אליהו אליעזר דעסלער, וואס איז שפעטער באקאנט געווארן מיטן נאמען פון זיין ספר 'מכתב מאליהו'. הרב דעסלער איז איינגעשטאנען ביי אים אין הויז אויף א לאנגע צייט ווען ער איז געווען אין אמעריקא. ער האט אים יעצט געבעטן אז ער זאל פאר אים צושטעלן א מנין צו דאווענען מעריב. די זייגער איז שוין געווען שפעט, אבער הרב דעסלער וואס האט געהאט הכרת הטוב צו ר' יעקב יוסף'ן, האט עס אנגענומען מיט שמחה.

די זייגער איז שוין געווען זייער שפעט, אבער הרב דעסלער האט זיך נישט מייאש געווען. ער האט זיך אנגעטוהן און ארויס פון שטוב, און האט אנגעהויבן צו קלאפן אויף די טיר'ן פון זיינע שכנים, איין טיר נאכן צווייטן, ביז עס האט זיך פארזאמלט א מנין, נאר דעמאלט האט רבי יעקב יוסף אפגעאטעמט אויף פריי.

"דאס איז געווען א ריכטיגע הכנסת אורחים", האט רבי יעקב יוסף זיך באדאנקט פאר זיין גאסטגעבער, פארן זיך לייגן שלאפן, מיט א ווארעמקייט, ווי ער וואלט אים מיטן צושטעלן די מנין געראטעוועט זיין לעבן.

אין א בריוו וואס הרב דעסלער האט געשיקט צו זיין פאטער, דערציילט ער מיט התפעלות אויף די הקפדה פון רבי יעקב יוסף צו דאווענען מיט מנין אויך זייענדיג אויפן וועג, און שילדערט אז נישט נאר אז ער האט נישט דערלייגט, נאר ער האט אויך פארדינט!

צוויי פאקטן זענען געווארן קלאר פאר רבי יעקב יוסף ווען ער איז געקומען קיין לאנדאן.

דאס ערשטע: אויב וואלט ער געפארן מיטן באהן, וואלט ער דערלייגט א ספעציעלע הצלחה אין א געוויסע ביזנעס וואס האט אים אפגעווארט אין לאנדאן, און ער האט צו דעם דערגרייכט נאר דורך זיין שנעלען אנקומען מיטן עראפלאן.

די צווייטע: אין יענע יארן, כדי אריינצוגיין אין לאנדאן, האט מען געמוזט האבן א וויזע, און אויב וואלט ער אנגעקומען מיט די באהן - וואלט מען אים נישט ערלויבט אריינצוקומען אין לאנדאן, ווייל ער האט נישט געהאט מיט זיך א 'וויזע' אריינצוגיין אין לאנדאן, און עס האט זיך ארויסגעוויזן אז דער ערלויבעניש אריינצוגיין אין לאנדאן וואס ער האט געהאט איז נישט געווען גילטיג. אויך די וואס זענען געפארן מיטן עראפלאן האבן אויך געהאט דעם זעלבן פראצעדור, אבער צום גרויסן וואונדער, די אומגעווענליכע אויסזען פון דעם חשובן איד וואס פארט מיט א עראפלאַן, האט אונטערגעצינדן און פאראינטערעסירט דעם אויפזעהער, און די ערקלערונג וואס איז אים געגעבן געווארן, האט אים אויפגעשאקלט, אזוי ווייט אז ער האט מסכים געווען אריינלאזן דעם רב אן א וויזע.

אויב וואלט ער געפארן מיטן באן, וואלט מען אים אויפגעהאלטן ביז מען וואלט ארויסגעגעבן א ספעציעלע וויזע, אויסער דעם אויפהאלטונג, וואלט די וויזע געקאסט פונקט די סומע וואס ער האט געדארפט צו לייגן אויף די פרייז פון פארן מיטן עראפלאן.

רבי יעקב יוסף איז גרייט געווען צו דערלייגן אלעס צוליב זיין הקפדה צו דאווענען במנין, אבער למעשה האט מען פון הימל געהיטן זיינע טריט און נישט נאר אז ער האט נישט דערלייגט, נאר ער האט אויך פארדינט, ער האט זיך אויסגעמיטן פון אויפהאלטונגען און הוצאות, און צוליב דעם האט זיך געמאכט פאר אים א באזונדערע ביזנעס געלעגנהייט.

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# ברכות וואס מען ענטפערט נישט אויף זיי אמן

## ענטפערן אמן נאך א ברכה אן זיך וואשן

**ווען איינער עסט ברויט אן וואשן די הענט פון פריער, זענען דא וואס האלטן אז מען דארף ענטפערן אמן אויף די ברכה 'המוציא' וואס ער זאגט, אבער עס איז דא וואס האבן א ספק אין דעם.**

מקורות וביאורים:

אין 'מנחת פתים' (או"ח קצו) שטייט אז עסן ברויט אן נטילת ידים פון פריער ווערט נישט אנגערופן 'אכילת איסור', ווייל נישט דער עצם מאכל איז אסור, נאר מען מעג נישט עסן ברויט אן נטילת ידים, און וועגן דעם דארף מען זאגן א ברכה אויף אזא אכילה. און ברענגט א ראיה צו דעם פון דער 'מגן אברהם' (קעב ב) וואס פסק'נט אז אויך דער וואס האט נישט געזאגט א ברכה ראשונה אויף די עסן, דארף זאגן א ברכה אחרונה. זעט מען, אז אויך דער וואס עסט אן א ברכה וואס האט עובר געווען א איסור מיטן עסן, ווייל די חכמים זאגן דאך (ברכות לה א): "כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה - מעל", ווייל נישט דער עצם מאכל איז אסור, ווערט עס נישט גערעכנט אלץ 'אכילת איסור'. אבער אין שו"ת 'לב ים' (סי' ב) איז ער דוחה די סברא און האלט אז אויך אויב דער מאכל איז נישט א מאכל אסור, ווייל דער וואס עסט אן זיך וואשן איז עובר א איסור, ווערט עס אנגערופן 'אכילת אסור' וואס מען זאגט נישט א ברכה אויף דעם, און אויב האט ער געזאגט א ברכה אויף דעם זאל מען נישט ענטפערן אמן. לויט אים איז די שאלה געגליכן צו די הלכה אז מען זאגט נישט א ברכה אויף א גע'גזל'טע מאכל, כאטש עס איז נישטא קיין איסור אין די מאכל זעלבסט (ראה 'מגן אברהם' ריש סי' קצו).

נאך שרייבן די אחרונים אז א מענטש קען זאגן א ברכה אויף עסן פת אן זיך וואשן און מען דארף אויך ענטפערן אמן אויף דעם, ווייל אויף עסן 'פת' וויייניגער פון א שיעור 'כזית' איז מען פטור פון נטילת ידים (ראה שו"ע או"ח קנח ג), אויב אזוי קען מען זאגן אז זיין ברכה האט חל געווען אויף 'פחות מכזית' וואס ער עסט באלד נאך די ברכה, וואס איז נישט איסור צו עסן אן זיך וואשן ('מנחת פתים' ו'לב ים' שם). אבער אין ספר 'הליכות שלמה' (פ"ב הערה 85) ווערט געברענגט אז הגרש"ז אויערבאך האט געהאט א ספק אין די הלכה, און שרייבט אז מען קען אפווענדן אויך די סברא, וויבאלד דער וואס עסט וויל עסן מער פון א כזית, איז ער מחויב פון פריער מיט נטילת ידים, און זיין גאנצע עסן ווערט פארערכנט אלץ א איסור, און מען קען זאגן אז ער איז נישט קיין 'מברך' נאר א 'מנאץ', און וועגן דעם זאל מען נישט ענטפערן אמן אויף די ברכה.

## ענטפערן אמן נאך א ברכה וואס איז א מחלוקת צי מען זאל זאגן

**א ברכה וואס די פוסקים קריגן זיך צי מען דארף עס זאגן, צ.ב.ש. די ברכה אויף הלל אין ראש חודש, אויף**

**דער וואס פירט זיך ווי די פוסקים נישט זאגן די ברכה, קען ענטפערן אמן נאך די ברכה פון דער וואס פירט זיך ווי די פוסקים אז מען דארף עס יא זאגן.**

מקורות וביאורים:

אזוי שרייבט דער 'משנה ברורה' (ביאור הלכה רטו ד): "אויב איינער פירט זיך [זאגן עפעס א ברכה] ווי א געוויסע דעה, און די דעה איז נישט אינגאנצן אוועקגעשטויסן דורך די פוסקים, כאטש מן הדין איז מען נישט מחויב ענטפערן אויף דעם אמן, ווייל ספק אמן לקולא, פון דעסוועגן איז נישטא קיין איסור אויב ער ענטפערט אויף דעם". אויך דער 'מנחת שלמה' (ח"ב סי' ג אות א) שרייבט אז א בן עדות המזרח דארף ענטפערן אמן אויף די ברכה פון הלל אין ראש חודש, כאטש זייער מנהג איז נישט צו זאגן די ברכה (ראה שו"ע או"ח תכב ב), און אזוי שטייט אויך אין תשובות 'אור לציון' (ח"ג פרק ג תשובה ב) און אין שו"ת 'בית נאמן' (ח"א או"ח א), און אזוי האט אויך גע'פסק'נט הגר"י צדקה (הסכמת הגרי"ח סופר אויף די ספר 'בנים חביבים').

דער שו"ת 'יחוה דעת' (ח"ד סי' לא) קריגט זיך און האלט אז יעדע ברכה וואס איז א מחלוקת הפוסקים, דער וואס פירט זיך נישט צו זאגן די ברכה, זאל נישט ענטפערן אמן מיט זיין מויל, נאר ער זאל טראכטן אמן אין זיין הארץ (ראה 'כף החיים' או"ח כה מ). אבער הגרי"ח סופר (שם) קריגט אויף זיינע ווערטער אז אויך דער וואס פירט זיך נישט זאגן א געוויסע ברכה, זאל ענטפערן אמן נאך דער וואס זאגט די ברכה, און ברענגט א ראיה פון בעל 'סדר היום' (סדר ברכות השחר) וואס שרייבט אז כאטש מען דארף חושש זיין צו די וואס האלטן מען זאל נישט זאגן די ברכה "הנותן ליעף כח" (ראה שו"ע או"ח מו ו), פון דעסוועגן דארף מען ענטפערן אמן נאך דער וואס זאגט די ברכה.

## ענטפערן אמן נאך א ברכה וואס איז א ספק

**דער וואס זאגט א ברכה וואס איז א ספק צי ער איז מחויב אין דעם אדער נישט, ווייל צוליב דער דין פון 'ספק ברכות להקל' טאר ער נישט זאגן די ברכה, זאל מען נישט ענטפערן אמן אויף דעם.**

מקורות וביאורים:

אזוי שטייט אין תשובות הרמב"ם (מהד' בלאו סי' קכד) : "און יעדער וואס ענטפערט אמן אויף א ברכה לבטלה אדער אויף ברכות וואס איז דא א ספק צי ער איז מחויב, און ער זאגט די ברכות אן אריינטראכטן, איז ער עתיד ליתן את הדין אויף דעם". און זעה אויך אין 'אבני ישפה' ח"ו סי' מב ענף ג.

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

כבוד נשיא בני אמונים

הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א

אלץ א איינוואוינער אין די תרה'דיגע ישוב 'רכסים', איז מיר מרגש צו זען יעדע אינדערפרי אסאך יונגעלייט וואס הייבן אן זייער טאג מיט ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר פון אנדערע.

ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה איז זייער חשוב, און די וואונדערליכער מאטעריאל וואס איר ברענגט שטענדיג אין ענקער געשעצטן גליון וועט זיין עדות דערויף. אבער ענטפערן אמן אויף ברכות השחר האט א ספעציעלע חשיבות, ווייל עס ווערט געזאגט אין אנהייב טאג און איז א וואונדערליכע הכנה צו עפענען דאס הארץ צום דאווענען.

איך האב געטראכט א וואונדעליכער רמז אויף דער ענין. דער נביא זאגט (עמוס ד יב): "הכון לקראת אלקיך ישראל". דיווארט "היכון" ווען עס שטייט מלא איז גימטריה איין און נייניג אזוי ווי די גימטריה פון אמן. דיך צו לערנען אז מיט ענטפערן אמן גרייט זיך דער מענטש צום דאווענען.

האט א הצלחה צו קענען ממשיך זיין אויפטון און אויפהייבן די חשיבות פון ענטפערן אמן צווישן גאנץ כלל ישראל.

מיט שעצונג
**ש.פ - רכסים**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

## צדיק באמונתו

### אמן און ברכות אין די ווערטער פונעם בעל הילולא

# רבי רפאל ברוך טולידאנו זצ"ל
## י"ח חשון תשל"א


רבי רפאל ברוך טולידאנו זצ"ל

רבי רפאל ברוך טולידאנו איז געבוירן געווארן אין מקנאס וואס איז אין מאראקא צו זיין פאטער רבי יעקב. די טולידאנו פאמיליע וואס שטאמט פון די שטאט טאלדא אין שפאניע איז געווען א מיוחס'דיגע משפחה וואס האט זוכה געווען אויפשטעלן אסאך דורות פון רבנים וואס האבן געדינט איבער גאנץ מאראקא.

אין יאר תרפ"ב ווען זיין פאטער איז אויפגענומען אלס ראב"ד מקנאס איז רבי רפאל ברוך געשטאנען צו זיין רעכטע האנט צו שרייבן און מסדר זיין די פסקים פון בית דין, נאך די פטירה פון זיין פאטער אין יאר תרצ"ג איז ער אויפגענומען צו דינען אלץ דיין אין בית דין, און שפעטער איז ער געקרוינט געווארן צו זיין דער אב בית דין און הויפט רב פון שטאט.

רבי רפאל ברוך איז געווען באקאנט מיט זיין זעלטענע אהבת התורה, אזוי ווי זיין באקאנטער פיוט "אשורר שירה לכבוד התורה..." זאגט אויף דעם עדות, וואס אלע זיינע צוהערהער וועלן איינערקענען אז זיינע ווערטער קומען ארויס פון א ריינע הארץ אנגעזאפט מיט אהבת תורה.

אסאך פלאג האט רבי רפאל ברוך אריינגעלייגט צו ארויסגעבן א ספר פון קלארע הלכות - 'קיצור שולחן ערוך', געבויעט אויף די פסקי השו"ע און 'כף החיים' און די מסורת פון מנהגי צפון אפריקע. אזוי אויך זענען געדרוקט געווארן א טייל פון זיינע תשובות להלכה אין ספר "שו"ת רבי ברוך".

אין יאר תשכ"ג איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט אין בני ברק. כאטש ער האט נישט טראגן אויף זיך א עמטליכע רבנות פאסטן האט ער אסאך אויפגעטון צווישן די וואס זענען ארויפגעקומען פון מאראקא צו מחזק זיין דאס אידישקייט און שיקן די יונגווארג צו א תורה'דיגע חינוך. ער איז נפטר געווארן י"ח חשון תשל"א און איז באערדיגט געווארן אין בית החיים נציבי ישיבת פאנאוויזש אין בני ברק.

### מעורר זיין איבער די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן

אין זיין ספר 'קיצור שולחן ערוך השלם' (קיא ל) ברענגט הרב טולידאנו דעם באקאנטן ערציילונג (המובא ב'כף החיים' או"ח קכד ל, בשם 'סידור נהורא השלם') אויף רבי מרדכי יפה בעל הלבושים אז ווען ער האט געלערנט ביי זיין רבי'ן רבי יצחק אבוהב, האט פאסירט אז דער קליינער זון פון רבי יצחק האט געזאגט ברכה און צוליב אום אויפמערקזאמקייט האט רבי מרדכי נישט געענטפערט אמן. אלס רעאקציע האט הרב אבוהב אים אריינגעלייגט אין א נידוי און אים מוסר געזאגט אויף די הארבקייט פון די זינד פון זיך פארמיידן צו ענטפערן אמן אויף א ברכה. ער האט אויך צוגעלייגט און דערציילט אז אין די פריערדיגע דורות איז שוין געווען אזא געשיכטע מיט א חסיד וואס איז מחויב געווארן מיט מיתה ווייל ער האט נישט געענטפערט אמן אויף די ברכה פון זיין זון. דערנאך וואס ער ברענגט די ערציילונג באריכות לייגט צו הרב טולידאנו שארפע ווערטער אין דער ענין:

"ישמע חכם ויוסף לקח, ווי גרויס איז די מעלה פון ענטפערן אמן. און ווער ווייסט, אפשר צוליב דער זינד זענען דא אסאך צרות? און די חכמים ז"ל זאגן (ברכות ה א): 'אם רואה אדם יסורים - יפשפש במעשיו'. דעריבער בעט איך פון די ראשי ישיבות, זיי זאלן דרש'ענען פאר זייערע תלמידים אויף דער ענין, און חז"ל זאגן דאך (שבת י א) זמן תורה לחוד וזמן תפילה לחוד".

### די באצאלט וואס הרב טולידאנו האט געבעטן

עס דערציילט זיין אייניקל, הגר"י טולידאנו שליט"א פון ירושלים:

אין מיינע בחור'ישע יארן האב געלערנט אין די פאנאוויזשע ישיבה, און צוליב מאנגל אין פלאץ אין דארמיטארי האב איך זוכה געווען צו שלאפן ביי מיין גרויסן זיידן.

אנקומענדיג צום ערשטן מאל איינשטיין ביי זייער הויז, בין איך באלד אויפגענומען דורך מיין זיידע און באבע מיט פריינדשאפט, און די געזיכט פון מיין זיידע איז ערנסט געווארן און מיר געזאגט: 'זאלסט וויסן מיין טייערער אייניקל, אין די שטוב איז נישטא קיין 'עסן אומזינסט', דו וועסט דארפן באצאלן א טייערן פרייז!'

איך בין זייער איבערראשט געווארן צו הערן די ווערטער, אבער מיין זיידע האט פארגעזעצט און ערקלערט: 'דאס איינשטיין אין די שטוב אין אנגעהאנגען אז די געסט דארפן שטענדיג אכטונג געבן נישט זאגן א ברכה אויב ס'איז נישטא ווער ס'זאל ענטפערן אמן, אויך דארפן זיי אכטונג געבן ענטפערן אמן נאך אונזערע ברכות'.

פארשטייט זיך, אז איך האב באלד צוגעשטימט צו דעם מיט פרייד, און פון יענעם טאג און ווייטער האב איך זוכה געווען ענטפערן יעדן טאג צעהנדליגע אמן'ס נאך די ברכות פון דער זיידע און די באבע, און איך האב אויך זוכה געווען אז מיינע ברכות זענען געענטפערט געווארן דורך זיי.

### די ברכות השחר פון הרב טולידאנו

אין זיין ספר 'קיצור שולחן ערוך' (ז כג, מיט קליינע ענדערונגען) שילדערט הרב טולידאנו וויאזוי דארף דער מענטש זאגן יעדן טאג די ברכות השחר: "ווען ער זאגט די ברכות השחר זאל ער זיך נישט באשעפטיגן מיט גארנישט, אפילו מיט גאר א קלייניקייט, נאר ער זאל שטיין אויף זיין פלאץ און זאגן די ברכות מיט כוונה. און ער זאל זיי נישט זאגן אפגעכאפט און שנעל, נאר געלאסן און מיט א נעימות, און ווען ער דערמאנט די שם, זאל ער עס דערמאנען מיט א געטליכע געפיל, אז ער איז מחיה מתים און דער האר פון וועלט".

און אזוי טוט פארשטעלן זיין אייניקל הגר"י די מעמד ברכות השחר פון זיין זיידע יעדן אינדערפרי:

די ברכות השחר איז געווען ביים זיידן א עקסערע 'עבודה' און דאס זאגן האט געדויערט לאנגע מינוטן. אונזער זיידע פלעגט זיך אויפגעוועקט ווען אנדערע זענען נאר געגאנגען שלאפן, און באלד נאכן זיך וואשן די הענט, האט ער זיך געשטעלט זאגן די ברכות השחר, ווען איך הער זיך צו פון מיין צימער און איך ענטפער אמן. יעדע ברכה האט געהאט ביים זיידן א עקסטערע ארט, און צווישן יעדע ברכה האט ער אויסגעגאסן זיין הארץ מיט פארשידענע בקשות וואס זענען פאסיג צו די ברכה וואס ער האט געזאגט, אויף זיין משפחה און אויף כלל ישראל".

## אוצרות אמונים

### ענטפערן אמן – דער יסוד האמונה

### ענטפערן אמן דווקא אין גלות

חז"ל זאגן (תענית טז ב) אז אין בית המקדש האט מען נישט געענטפערט 'אמן' אויף די ברכות נאר "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", דער טעם פון דעם האט ערקלערט **רבי חיים מפרידבורג**, דער ברודער פון מהר"ל מפראג:

ווען די בית המקדש איז געשטאנען אויף זיין פלאץ, ווען די כבוד פון ה' איז געווען קלאר און אפן פאר אלעמען דורך די ניסים וואס זענען דארט געווען שטענדיג, האט דער עונה זיך מצטרף צו דער מברך מיטן זאגן "ברוך שם כבוד מלכותו...", ווייל ער האט דאך אויך קלאר געזען דעם "כבוד מלכותו". אבער אין גלות, ווען די כבוד פון ה' איז פארהוילן, דער מברך איז ממליך דעם באשעפער, און דער עונה 'אמן' שטעלט זיך צו צו אים און איז מחזק זיינע ווערטער מיט א אמונה פשוטה ('ספר החיים' ספר גאולה וישועה פ"ג; 'אגרת הטיול' חלק הדרש אות ב).

**רבי חיים חייקא מאמדור** א תלמיד פון מעזריטשער מגיד, זאגט אז די ווארט 'אמן' איז א רמז אז אין בית המקדש האט מען נישט געענטפערט אמן: 'אמן' איז גימטריה צ"א, א רמז אויף דעם אז פון ווען די שכינה איז ארויס פון בית המקדש, נאכן חורבן, דארף מען ענטפערן 'אמן' אויף די ברכות ('חיים וחסד' עמ' כא).

### 'אמונת' על שם ענטפערן אמן

אין מסכת שבת (לא א) דרש'נט ריש לקיש אז דער פסוק (ישעיה לג ו) : "אמונת עתיך חסן ישועת חכמת ודעת", איז אקעגן די ששה סדרי משנה: "'אמונת', זה סדר זרעים; 'עתיך', זה סדר מועד; 'חסן' זה סדר נשים; 'ישועת', זה סדר נזיקין; 'חכמת', זה סדר קדשים; 'ודעת' זה סדר טהרות".

דער מהרש"א (ח"א שם) ערקלערט אז ריש לקיש דרש'נט אז די ווארט "אמונת" איז מרמז אויף סדר זרעים על שם ענטפערן 'אמן'. ווייל די ערשטע מסכת אין דער סדר איז מסכת ברכות וואו אין איר ווערן ערקלערט די ברכות וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען פאר אונז, און די מעלה פון ענטפערן אמן אויף זיי.